# אַ פָּסוּק חוּמָש
## חיזוק פאר די וואך

תמצית הגליון:
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן
"גַּם הֵם"

בעזהשי"ת ▪ נשא תשפ"א ▪ גליון קכד'

# ווער איז דער מוצלח?
# ווער איז דער רחמנות?

### דער געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס
### פון די עבודת הלוים ביים שלעפן די הייליגע כלים...

איך שפאציר אראפ די גאס, ווען פלוצלינג פאלן מיינע אויגן אויף א שיינע גרויסע הויז מיט אירע אלע לוקסוס ארום. איך באוואונדער די שיינע קאר פארקירט אין דער זייט, די קינדער אנגעטוהן אזוי שיין און מעטשינ"ג, און איך טראכט צו זיך, "קע"ה, אזא מוצלח! פון וואו קומט צו דער איד אזא הצלחה?!"

איך שטיי אזוי פארטראכט, ווען פלוצלינג זעה איך פונקט קעגן איבער וואוינט אן אנדערע אידל אין אן אלטע הויז מיט די מינימאלע געברויכן, א אלט-מאדישע קאר זיצט פארקירט אין דער זייט, זיינע קינדער, יעדער גייט אנגעטוהן אנדערש, און איך טראכט צו זיך, "נעבעך, אזא רחמנות! וואס איז מיט דער איד?" **לאמיר אים גיין מחזק זיין...**

תיכף אבער, רופט זיך אן דער שכל: ר' איד, שטעלט אייך אפ א מינוט. מאן יימיר אז דער איד דארף חיזוק? אפשר איז ער גאר צופרידן? ווער זאגט אז ער איז אזוי צובראכן ווי דו קוקסט אים אן?! אפשר איז ער זייער צופרידן און ער גאר קוקט אן זיין שכן ווי א גרויסע רחמנות?!

**וכאן הבן שואל:** ווער איז דער מוצלח און ווער איז דער רחמנות? פרשת נשא טוט אונז דאס אנטפלעקן... ווען מיר וועלן דאס פארשטיין, ווען מיר אויך פארשטיין פארוואס פרשת נשא ליינט מען אייביג נאנט צו דער יו"ט שבועות, אדער פארדעם אדער נאכדעם.

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך....

וַיָּבִיאוּ אֶת קָרְבָּנָם לִפְנֵי ה' שֵׁשׁ עֶגְלֹת צָב וּשְׁנֵי עָשָׂר בָּקָר... וַיַּקְרִיבוּ אוֹתָם לִפְנֵי הַמִּשְׁכָּן. (נשא ז, ג)

**ראש חודש ניסן**, דער טאג וואס משה רבינו האט אויפגעשטעלט דער משכן און עס איז געבליבן שטיין[א], איז געווען זייער א פרייליכע טאג פאר די אידן, זיי האבן ענדליך זוכה געווען צו דעם **ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם**. פון יעצט און ווייטער, קען שוין יעדער קומען און ברענגען קרבנות[ב]. די נשיאים, נישט וועלנדיג דאס מאל זיין פון די לעצטע (ווי ביי די תרומת המשכן), האבן זיך באלד צוזאמגענומען מיט א פעסטע החלטה אז זיי גייען זיין פון די ערשטע, שוין היינט וועלן זיי ברענגען א קרבן. (עי' פי' רש"י)

נו, וועלכע קרבן? פלוצלינג, רופט זיך אן נתנאל בן צוער פון שבט יששכר, "ווי איר זעהט דאך, רוקט מען זיך מיטן משכן פון פלאץ צו פלאץ. איך קלער אז אויב וועט זיין פיינע וועגענער מיט גוטע אקסן, וועט דאס זיין א געוואלדיגע הילף פאר אונזערע ברודער, די כהנים, צו שלעפן די זאכן. לאמיר שנעל גיין ברענגען שיינע גרויסע וועגענער מיט שטארקע אקסן." (ילקוט מעם לועז)

תיכף ומיד, האבן זיך די נשיאים צוטיילט צווישן זיך. יעדע צוויי פון די נשיאים האבן געברענגט איין גרויסע שיינע וואגן, ובנוסף צו דעם איין אקס וואס יעדע נשיא האט געברענגט באזונדער. אלעס צוזאמען, זענען געווען **שֵׁשׁ עֶגְלֹת צָב וּשְׁנֵי עָשָׂר בָּקָר...** זעקס שיינע גרויסע און טייערע וועגענער, **וּשְׁנֵי עָשָׂר בָּקָר**, צוועלף גרויסע אקסן צו

[א] שכל שבעת ימי המלואים היה מעמידו ומפרקו ובאותו היום העמידו ולא פרקו.
[ב] משא"כ בשבעת ימי המילואים שרק משה הקריב קרבנות.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבינדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

שלעפן די וועגענער.

משה רבינו האט אנגעקוקט די גרויסע און שיינע מתנה, אבער ער האט נישט געוואוסט אויב ער מעג דאס נעמען. ער האט קיינמאל נישט געהערט פונעם אייבערשטען אז מען דארף האבן וועגענער און ווערט זאגט אז מען מעג בכלל לייגן די הייליגע כלים אויף וועגענער? (עי' אוהח"ק ועי' עוד בספורנו.) **ביז דער אייבערשטער אליין האט געזאגט** פאר משה, "נעם דאס פון זיי. יא יא, מיר ברויכן וועגענער פאר די לויים, זיי דארפן דאס נישט ממש שלעפן אויף די אקסלן..."

משה האט ווייטער געפרעגט, "אבער רבוש"ע, אפשר וועלן איינע פון די קיען שטארבן אדער איינע פון די רעדער זיך צוברעכן און חלילה פסל'ן זייער קרבן, ונמצא עבודת המשכן בטלה."

זאגט דער אייבערשטער פאר משה, "קַח מֵאִתָּם **וְהָיוּ** לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד... זארג זיך נישט, די קיען מיט די וועגענער וועלן האבן לאנגע טעג, זיי וועלן זיך האלטן זייער לאנג."

די חכמים זאגן אז דאס האט זיך געהאלטן ביז שלמה המלך האט געבויט די בית המקדש, אן ערך פון פונעף הונדערט יאר. און ר' מאיר האט געזאגט: עד עכשיו הם קיימות, די אקסן זענען נישט אלט געווארן און נישט קראנק געווארן, אלא הן חיות וקיימות...

און יעצט קומט די גרויסע חלוקה, מען גייט צוטיילן די וועגענער פאר די לוויים. ווי אזוי צוטיילט מען דאס? זאגט דער אייבערשטער פאר משה: **וְנָתַתָּה אוֹתָם אֶל הַלְוִיִּם אִישׁ כְּפִי עֲבֹדָתוֹ** (במדבר ז,ה), יעדער לויט ווי שווער זיין לאסט און וויפיל ער דארף שלעפן, אזויפיל וועגענער און אקסן זאלסטו אים געבן.

משפחת גרשון, וואס זייער ארבעט איז נישט געווען צו שווער, זיי האבן סך הכל געדארפט שלעפן די יריעות, דער צודעק, די פאראהאנגן און די שטריקן, פאר זיי איז גענוג צוויי וועגענער מיט 4 אקסן. משא"כ די בני מררי, וואס זייער ארבעט איז געווען אביסל שווערער, זיי האבן געדארפט טראגן די קרשים, די עמודים און די אדנים, פאר זיי האט מען געגעבן פיר וועגענער און אכט אקסן.

**און וויפיל האט די בני קהת באקומען?** זאגט די תורה ווייטער (פסוק ט'): **וְלִבְנֵי קְהָת לֹא נָתָן כִּי עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ עֲלֵהֶם בַּכָּתֵף יִשָּׂאוּ**, משפחת קהת איז דער איינציגסטער וואס האט נישט באקומען אפי' איין וואגן אויך נישט! און נישט ווייל זייערע כלים זענען געווען אסאך גרינגער ווי די אנדערע, נאר ווייל זיי האבן געטראגן זייער הייליגע כלים, דער ארון, די שולחן, די מנורה און די מזבחות. און אט די הייליגע כלים איז נישט קיין כבוד צו טראגן מיט וועגענער, נאר מען דארף דאס שלעפן דייקא אויפן אקסל.

## וואס איז קהת נעבעך שולדיג?...

לכאורה דארף מען פארשטיין: אויב די וועגענער זענען יא א גוטע זאך, עד כדי כך אז די נשיאים האבן זוכה געווען צו באקומען דער געוואלדיגע ברכה פון אריכת ימים ושנים טובים פון קודב"ה אליין, פארוואס האט קהת נישט געמעגט האבן א וואגן?

וכדי לסבר את האוזן, לאמיר זיך דאס פארשטעלן אין אונזער היינטיגע צייטן מיט אונזערע מגושם'דיגע מוחות.

טויזנטע אידן גייען, יעדע שבט מיט זיינע מענטשן גייען אין די מדבר, וועו מען זעהט שבט לוי זיך שלעפן מיט גרויסע ריזיגע כלים... נחום ישראלי, א מגושם'דיגע אידל פון שבט אפרים, שטייט אונטער משפחת קהת און קוקט זיך צו, בעת וואס ער טראכט צו זיך, "**ווער איז דער מוצלח און ווער איז דער שלעפער**?! גיב א קוק ווי גליקליך איך בין, איך שפאציר מיר דא אזוי רואיג, קוים וואס איך דארף שלעפן מיינע פאר זאכן. געבט נאר א קוק אויף די בני קהת! נעבעך דער לוי, ער דארף זיך שלעפן מיט אזעלכע גרויסע כלים! און אויב דאס איז נישט גענוג, געבט א קוק ווי אזוי זיי מוזן נעבעך גיין בארפיסיג, אן קיין שיך, ווייל זיי טראגן די כלי המשכן..."

"ווער רעדט נאך פון די בני קהת וואס גייען פאר מיר, זיי זענען ממש די גרעסטע רחמנות'ן! (חלילה וחס.) נישט נאר וואס זיי דארפן זיך שלעפן מיט די כלים אן קיין שיך, נאר זיי דארפן דאס נאך שלעפן אויף זייערע אקסלען! נעבעך נעבעך, זיי לאזט מען אפי' קיין וואגן אויך נישט האבן! ועל כולם, ווער קען נאך צוקוקן די גרויסע ווייטאג אז אפי' גיין נארמאל קענען זיי אויך נישט, זיי מוזן גיין אזוי צוריק-צו-וועגס די גאנצע צייט ווייל זיי מוזן זיין אויסגעדרייט מיטן פנים צום ארון. אוי ווי, אזעלכע רחמנות'ן..."

**יא, אויבער-פלעכליך, פאר אזא איינער וואס ווייסט נישט און פארשטייט נישט דער חשיבות הענין, פאר אים קוקט דאס ליידער אזוי אויס, און אזוי וואלט ליידער געווען זיין געשפרעך.**

אבער לאמיר קוקן אין מדרש און זעהן ווי אזוי דער מדרש לערנט דאס אפ. זאגט דער מדרש רבה במדבר (פרשה ה' אות ח'): שבט לוי, ובפרט משפחת קהת, האט געהאט א געוואלדיגע חשיבות און א מעלה מער ווי אלע אנדערע שבטים.

אלע שבטים האבן זיך בכלל נישט געפלאגט מיט די כלי המקדש, נאר שבט לוי איז געווען די איינציגסטע וואס האט זיך געפלאגט און געשלעפט מיט די כלי המקדש. אלע אנדערע שבטים זענען געגאנגען מיט שיך, נאר שבט לוי איז געגאנגען בארפיסיג ווייל זיי האבן געטראגן די כלי המשכן. ועל כולם, ווי גרויס און חשוב איז משפחת קהת געווען, מער פון אלע אנדערע לויים, ווייל זיי האבן זיך געשלעפט מיט די כלים אויפן אקסל און נאך דערצו ווען זיי האבן געדארפט גיין צוריק-צו-וועגס צוליב דער ארון.

יא, שבט קהת, דער וואס האט געארבעט די שווערסטע, ער טאקע איז דער געווינער, ער איז דער חשוב'סטע פון גאנץ כלל ישראל...

~

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן "גַּם הֵם" לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם** (במדבר ד, כב). שטעלט זיך דער קשיא: וואס מיינט דאס **גַּם הֵם**, אויך זיי זאל מען... ווי וועמען דארפן זיי זיין? פון וועמען

האט מען פריער גערעדט און וואו האט מען דאס גערעדט אז מען טוט זיי צוגלייכן צו יענעם פון פריער?

זאגט רש"י: דער פסוק וויל מדמה זיין די בני גרשון צו די בני קהת, דהיינו פונקט ווי איך האב דיר פריער באפוילן אין סוף פרשת במדבר איבער די בני קהת, אזוי אויך זאלסטו יעצט ציילן און מסדר זיין די ארבעט פאר די בני גרשון.

דארף מען פארשטיין: ווי קומט קהת צו זיין פאר גרשון? גרשון איז דאך די בכור און פונקט ווי ביי יעדע ציילונג האט מען געציילט לויטן סדר פונעם עלטער, קודם גרשון, דערנאך קהת און דערנאך מררי, פארוואס דייקא דא ביי די עבודת המשכן לייגט מען קהת פאר גרשון? (עי' פי' מהרז"ו על המדרש)

נאר דער תורה וויל אונז לערנען און ווי דער מדרש זאגט: **נשא את ראש בני גרשון וגו'**, הדא הוא דכתיב: **יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים, וְכָל חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ בָהּ.**[ג] (משלי ג, טו)

פארוואס איז קהת ערשט? ווייל ער טראגט עפעס וואס איז פיל חשוב'ער... פארוואס טראגט קהת די חשוב'ער זאכן? ווייל קהת האט מחשיב געווען און געגליסט צו האלטן די תורה... משפחת הקהת, די קרובים פון משה ואהרן וואס האבן זיך שטענדיג מבטל געווען פאר די תורה, זיי זענען ראוי צו טראגן די תורה ווייל זיי ווייסן ווי אזוי מען טראגט א תורה... (עי' אוהח"ק במדבר ד, ב בא"ד) און וויבאלד זיי טראגן די תורה, זענען זיי חשוב'ער פון יעדן, אפי' פון די בכור.

משפחת קהת זאגט פאר נחום ישראלי פון שבט אפרים, "דו נער, אונזער פלאג איז נישט קיין פלאג! דער פלאג איז פאר אונז די גרעסטע פריוויליגיע, עס איז א זכייה און א גליק פאר אונז צו האבן די פלאג! אלע אידן וואלטן זיך געוואונטשן צו זיין פון די וואס קענען האבן די זכייה צו שלעפן די כלים פון די משכן! און אלע לויים וואלטן זיך געוואונטשן צו קענען שלעפן דאס וואס מיר שלעפן! און ביי אונז, אין משפחת קהת אליין, וואונטשט זיך יעדער צו קענען זיין דער וואס ממש טראגן דעם ארון! יא, מיר זענען גרייט זיך צו פלאגן ווי מער, אן עיקר זוכה צו זיין צו ווי מער!

## וואס וויל דער צדוקי פון רבא?...

ווער קען דען נישט דער מעשה וואס די גמרא דערציילט (שבת דף פח.): (ממש יעצט געלערנט לכבוד שבועות) איינמאל איז רבא געזעצן און געלערנט פלייסיג. בשעת'ן לערנען, האט ער זיך שטארק פארטיפט אין א סוגיא און נישט געכאפט אז זיינע פינגערס ווערן צוקוועטשט אונטער זיינע פיס און עס רינט בלוט.

עס איז אדורך א צדוקי און געזעהן דער מראה ווי רבא זיצט אזוי נעבעך פארקוועטשט איבער די גמרא און עס רינט אים בלוט פון זיינע פינגערס. דער צדוקי איז אינגאנצן איבערגענומען געווארן מיט רחמנות און אנגעהויבן שרייען, "אוי ווי, וואס פאר א פאלק זענט איר?! מענטשן וואס איילן זיך און נעמען זיך אונטער זאכן וואס זיי קענען נישט אויספירן! פארוואס האט איר תיכף געשריגן "**נעשה**" פאר "נשמה" איידער איר האט זיך בכלל אריינגעטוהן אינעם ענין אויב איר קענט דאס אויספירן אדער נישט?!"

רבא האט אנגעקוקט דער צדוקי און געענטפערט מיט חכמה, "איך ווייס נישט וואס איר ווילט אבער מיר זענען פיל אנדערש פון אייך. מיר האבן זייער ליב דעם אייבערשטען און ווייל מיר האבן אים אזוי ליב, געטרויען מיר אים מיטן פולסטן תמימות אז ער גייט אונז זיכער נישט הייסן עפעס וואס איז אונז צו שווער, דערפאר האבן מיר רואיגערהייט געקענט זאגן, "יא, איך בין גרייט!" אפי' איידער מיר ווייסן וואס ער גייט זאגן...

"איר נעבעך, וואס איר געטרויעט נישט דעם אייבערשטען ווייל איר האט אים נישט אזוי ליב, איר דארפט טאקע בודק זיין אייערע ווערטער איידער איר נעמט זיך עפעס אונטער ווייל ווער ווייסט אויב איר וועט דאס קענען אויספירן." ע"כ.

לכאורה דארף מען פארשטיין: וואס פאר א תירוץ איז דאס אויפן עצם מעשה אליין? עס איז אמת אז אויף דאס וואס דער צדוקי האט געפרעגט, האט אים רבא זייער שיין געענטפערט, אבער ווי אזוי פארענטפערט מען דער מראה וואס דער צדוקי האט געזעהן אז א ת"ח זיצט א צוקוועטשטער מיט בלוט וואס רינט פון די פינגער. וואו איז די גרויסע אהבה און וועלכע גליק איז דאס?!

**נאר טאקע דאס איז דער געדאנק וואס מיר רעדן דא!**

## ווער זאגט וואס??

ווער איז דער וואס זאגט אז רבא איז א רחמנות? ווער איז דער וואס זאגט אז רבא איז אריינגעפאלן? דער צדוקי! יא, טאקע נאר ער אליין, ווייל אין זיינע אויגן פלאגט זיך נעבעך רבא...

אבער רבא אליין, ער האט נישט קיין אהנונג וואס דער צדוקי וויל דא בכלל! דער מענטש איז פון קאפ געפאלן, וועמען איז שווער?? וואס איז שווער?? איך ליג דא אין העכערס, איך שווים אינעם ים התלמוד און עס איז נישט דא קיין בעסערע טעם פון דעם! דאס איז וואס איך וויל, דאס איז וואס איך האב ליב און דאס איז וואס איך טוה, **טוֹב לִי תוֹרַת פִּיךָ מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף**. איך בין יעצט די גליקליכסטע מענטש אויף דער וועלט....

און דאס זאגט אים רבא צוריק! מיר ערליכע אידן וואס דינען דעם באשעפער מתוך אהבה, מיר ארבעטן נישט שווער! פאר אונז איז דאס אלעס א זכייה און א פריוויליגיע! איר נעבעך, וואס איר האט דאס נישט ליב ווייל איר געטרויעט נישט דעם באשעפער אז דאס איז דער בעסטער זאך אויף דער וועלט, פאר אייך איז דאס טאקע ביטער שווער. **נישט איך בין דער רחמנות, איר זענט די רחמנות!**

## וואס וואלטן מיר געזאגט היינט

[ג] **מדבר בקהת וגרשון, אע"פ שגרשון בכור, ומצינו שבכל מקום חלק הכתוב כבוד לבכור**... אעפ"כ, געבט מען דא אפ כבוד פאר קהת, **לפי שהיה קהת טוען הארון ששם התורה**,

# אויף אזא שידוך?...

צום שלוס, איידער מיר גיין פארענטפערן דער גרויסע קשיא, **"ווער איז דער רחמנות?"** לאמיר א מינוט אריינקלערן, וואס וואלט דער ראפשיצער רבי געזאגט? **"ווער איז דער מוצלח און ווער איז דער רחמנות?"**

דער גרויסע צדיק, ר' אשר'ל ראפשיצער, איז געווען דער ראפשיצער רבי'ס איידעם (נישט זיין זוהן...) ומעשה שהיה כך היה.

עס האט זיך אמאל געמאכט אז דער צדיק, רבי נפתלי מ'ראפשיץ זי"ע, איז אנגעקומען קיין ווארשא. זייענדיג דארט, איז ער אריין אין א ביהמ"ד לערנען אביסל. אריינקומענדיג אין ביהמ"ד, האט ער געזעהן ווי א יונג בחור'ל זיצט און הארעוועט בהתמדה רבה. דער ראפשיצער רבי האט דאס זייער געפאלן און ער האט זיך אריינגעלאזט אין א טיפע תורה'דיגע שמועס מיט דעם בחור.

דער רבי האט געזעהן אז מען רעדט דא פון אן ערנסטע בר הכי, דער בחור געפעלט אים זייער און געטראכט אז דאס איז א גוטע שידוך פאר זיין בת יחידה. האט דער ראפשיצער אים געפרעגט, "זאגט נאר, ווי אזוי הייסטו?" "אשר ישעי' רובין", האט דער בחור געענפערט. "זאגט נאר, ווער איז דיין טאטע? וואס טוט ער פאר פרנסה?" דער בחור האט אים געענטפערט, "מיין טאטע הייסט אזוי און אזוי, ער איז א שניידער דא אין שטאט."

דער רב האט געבעטן דעם בחור, "אפשר קענסטו מיר צופירן צו דיין טאטע'ס שטוב..." וכך הוי, דער שידוך איז געווארן, בשטו"מ. (הובא בספר יג' אורות)

**לאמיר זיך א מינוט מתבונן זיין. וואס האט דא פאסירט?** דער הייליגער ראפשיצער זי"ע האט געזעהן א בחור זיצן און לערנען בהתמדה רבה און שוין נעמט ער אים פאר אן איידעם?

וואס גייט דער גאס זאגן צו דעם?! וועמען האט דער ראפשיצער רבי גענומען? א שניידער! וואס איז פשט פון דעם? נישט קיין רבי'שע, נישט קיין מחותן מיט געלט, גארנישט... נעבעך!! יא, עס קען זיין אז פאר אפאר יחידים איז דאס נישט געפאלן, אבער פארן ראפשיצער רבי איז דאס בכלל נישט איינגעפאלן, ער איז יעצט דער גליקליכסטע מענטש! עס גייט אים גארנישט אן, ער דארף נישט קיין שיינע שידוך, ער דארף נישט קיין געלט, ער דארף נאר איין זאך: א בחור, א תלמוד חכם! יא, אפי' זיין טאכטער איז א בת יחוד! פונקט דאס האט ער געזוכט און דאס איז פאר אים די בעסטע און שענסטע שידוך!!

און טאקע ווער האט איבערגענומען די רבנות נאכן גרויסן רבי'ן? זיין גרויסע איידעם, ר' אשר'ל מראפשיץ!

די בני קהת, וואס האבן זיך "נעבעך" אזוי געשלעפט, זיי האבן קיין טראפעלע וויניגער נישט געלעבט צוליב דעם. נאר אדרבה, זיי האבן דערגרייכט פיל מער ברכה און אריכת ימים ושנים טובים. ווי דער מדרש פירט דארט אויס: **כִּי חַיִּים הֵם לְמֹצְאֵיהֶם וּלְכָל בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא**, כלומר: אפי' בגשמיות, דאס וואס מען מיינט אז עס איז געווען פאר זיי א צער, איז אויך באמת נישט געווען קיין צער!

# מוסר השכל:

**ווער איז דער מוצלח און ווער איז דער רחמנות?**

מורגלא בפי העם, ווען מען זעהט איינער וואס איז נישט פונקט ווי ער קלערט אז דאס איז גוט כפי דעתו, צו זאגן "נעבעך, אזא רחמנות"... ובפרט אויב יענער איז נאך פון די וואס זענען נישט אזוי נהנה פונעם עולם הזה, איז דאך זיכער נישט דא קיין גרעסערע רחמנות ווי דעם!

אבער ר' איד, שטעלט אייך אפ א מינוט! מאן יימר אז דער איד דארף חיזוק?! אפשר איז ער זייער צופרידן?! ווער זאגט אז ער איז אזוי צובראכן ווי דו קוקסט אים אן?! אפשר איז ער זייער צופרידן און ער קוקט גאר אן זיין שכן ווי א גרויסע רחמנות?

אפשר טראכט ער אויך, "נעבעך, מיין שכן, פארנומען בייטאג און ביינאכט, האט נישט קיין צייט מחנך צו זיין די קינדער, ווער רעדט נאך פון דער פאקט אז יעדן טאג דארף ער נייע זאכן, קליידער, חפצים וכדומה... קיינמאל צופרידן, אפשר דארף מען אריבערגיין און מחזק זיין!"

**ר' איד, נישט יעדער וואס דו קוקסט אן ווי א רחמנות איז באמת א רחמנות!!**

די משנה אין אבות (ו, ד) לערנט אונז: "**כך היא דרכה של תורה**", א תורה'דיגע איד קען לעבן און הנאה האבן אפי' בפת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה, אויב עס ענדיגט זיך מיט **ובתורה אתה עמל!** דעמאלטס, איז אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא, אפי' בעוה"ז קען זיין א היכי תמצא אז עס איז אים גוט!

**לאמיר זיך לערנען פון די חסידים וואס פארן צו זייער רבי'ן.** זיי דארפן נישט צופיל עסן, צופיל שלאפן אדער צופיל זיצן... און ניין, זיי זענען נישט קיין רחמנות! אפי' ווען זיי שטופן זיך ארום זייער רבי'ן, זענען זיי אויך נישט קיין רחמנות! ער איז פריילעך, ער קען זעהן און הערן זיין רבי'ן. אפשר דער וואס זעהט כמעט גארנישט און שטייט פון דערווייטענס, ער איז גאר דער רחמנות! יא, ער האט טאקע פיין פלאץ אבער ער זעהט און הערט גארנישט!

פרשת נשא לערנט אונז: ווען איינער איז מדובק מיט אן אמת מיטן חיי עולם, מיטן חיי רוחני, איז ער באמת צופרידן און גליקליך, אפגעזעהן ווי שווער אדער ווי גרויס די פלאג איז!

און טאקע דערפאר, לייענט מען פרשת נשא גלייך פאר אדער נאך דעם יו"ט שבועות, להורות לנו תיכף נאך קבלת התורה, ווען מען איז נאך אונטער'ן רושם פונעם אמת, אז מען זאל נישט ווערן איבערגענומען פון די אלע שיינע און גרינגע זאכן ווייל נישט אייביג דאס וואס איז גרינג איז גוט, און דאס וואס איז שווער איז נישט גוט! נאר... דאס וואס איז באמת חשוב און טייער, דאס איז גוט!

די תורה הק' איז זיס ווייל עס איז באמת גוט, אבער עס מוז נישט זיין גרינג כדי עס זאל זיין גוט! עס מעג זיין שווער, אבער עס איז מיר נאך אלץ א זכייה און א פריווילעגיע איר צו האלטן ווייל איך האלט די בעסטע זאך אויף דער וועלט!

**<u>וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן:</u>** סוף סוף וועט מען זיך אליין איבערצייגן, אויב נישט היינט, וועט דאס זיין מארגן. און אויב נישט מארגן, וועט דאס זיין אין יארן ארום, אבער דער אמת וועט מען סוף כל סוף זעהן. **יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים, וְכָל חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ בָהּ!**